לוח עמוד היומי בזוה"ק פרשת וישב

| חלק ח – פרשת ויקהל | | |
| --- | --- | --- |
| יום | ווילנא | מתוק מדבש |
| ראשון | ריד ע"א | תיב-תיח |
| שני | ריד ע"ב | תיח-תכד |
| שלישי | רטו ע"א | תכד-תלא |
| רביעי | רטו ע"ב | תלא-תלז |
| חמישי | רטז ע"א | תלז-תמד |
| שישי | רטז ע"ב | תמד-תנ |
| שב"ק | ריז ע"א | תנ-תנז |

# זֹהַר הַקָּדוֹשׁ מִיטְן פֵּרוּשׁ מָתוֹק מִדְּבַשׁ

## אויף די פרשה און עניני דיומא

נתנדב לעילוי ולטובת נשמת הר"ר ישעיה ז"ל בן יבלחט"א הר"ר אהרן הכהן הי"ו

יו"ל בעזהשי"ת ע"י
מרכז "מתוק מדבש" ת.ד. 5315 ירושלים

עלון מס' 109 | פרשת וישלח תשפ"ג

## האדם הבא להטהר מכניע את היצר הרע לפני היצר טוב

**וַיִּשְׁלַח יַעֲקֹב מַלְאָכִים וְגוֹ'** כדי לפרש פסוק זה מביא ענין הדומה ממה שפירש ר"י, וז"ש **רַבִּי יְהוּדָה פָּתַח** לפרש מש"כ **כִּי מַלְאָכָיו יְצַוֶּה לָּךְ לִשְׁמָרְךָ בְּכָל דְּרָכֶיךָ, הַאי קְרָא אוֹקְמוּהָ חַבְרַיָּיא** פסוק זה כבר ביארו החברים, **דְּהָא בְּשַׁעְתָּא דְּבַר נָשׁ אָתֵי לְעָלְמָא** כי בשעה שאדם בא לעולם, **מִיָּד אִזְדַּמַּן בַּהֲדֵיהּ יֵצֶר הָרָע דְּאִיהוּ מְקַטְרֵג לֵיהּ לְבַר נָשׁ תָּדִיר** מיד מזדמן עמו היצר הרע שהוא מקטרג ומתקוטט עם האדם ורוצה להחטיאו תמיד, **כְּמָה דְּאַתְּ אָמַר לַפֶּתַח חַטָּאת רוֹבֵץ** שמיד בצאתו מפתח רחם אמו היצר הרע שולט בו (כמבואר במס' סנהדרין דף צא ע"ב), ושואל **מַאי חַטָּאת רוֹבֵץ** מי נקרא חטאת, ומשיב **דָּא יֵצֶר הָרָע** זה היצר הרע הנקרא חטאת על שם שרוצה להחטיאו תמיד, **וְדָוִד הָכִי נָמֵי קַרְיֵיהּ חַטָּאת** גם דוד קרא לו בשם חטאת **דִּכְתִיב וְחַטָּאתִי** ולא אמר בלשון רבים חטאותי כמו שאמר כי פשעי, משמע שעל היצר הרע קאמר, ופי' וחטאתי, המחטיא אותי, **נֶגְדִּי תָמִיד** פי' הוא כנגדי תמיד להלחם בי ולהחטיאני, **בְּגִין דְּאִיהוּ עָבִיד לֵיהּ לְבַר נָשׁ כָּל יוֹמָא לְמֶחֱטֵי קַמֵּי מָרֵיהּ** לפי שהוא המביא את האדם כל יום לחטוא לפני קונו, **וְיֵצֶר הָרָע דָּא לָא אִתְעֲדֵי מִבַּר נָשׁ מִיּוֹמָא דְּאִתְיְלִיד בַּר נָשׁ לְעָלְמִין** והיצר הרע אינו סר מן האדם מיום שנולד עד עולם, כי אפילו בעת זקנתו בסוף ימיו אפילו בפרק המיתה מנסה להעביר את האדם מדעת קונו.

### אידיש

## דֶער מֶענְטְשׁ וָואס קוּמְט רֵיין וֶוערְן, אִיז מַכְנִיעַ דֶער יֵצֶר הָרַע פַאְרן יֵצֶר טוֹב

**עֶס** שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "וַיִּשְׁלַח יַעֲקֹב מַלְאָכִים לְפָנָיו וְגוֹ'", און יַעֲקֹב הָאט גֶעשִׁיקְט מַלְאָכִים פַאר אִים, כְּדֵי צוּ עֶרְקְלֶערְן דֶעם פָּסוּק, בְּרֶענְגְט דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ אַן עֶנְדְלִיכְן עִנְיָן וָואס רַבִּי יְהוּדָה הָאט עֶרְקְלֶערְט, און דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט, רַבִּי יְהוּדָה הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ דַרְשֶׁ'נֶען און עֶר הָאט עֶרְקְלֶערְט דָאס וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "כִּי מַלְאָכָיו יְצַוֶּה לָּךְ לִשְׁמָרְךָ בְּכָל דְּרָכֶיךָ", וַוייל זַיינֶע מַלְאָכִים וֶועט עֶר בַּאפֶעלְן פַאר דַיינֶעטְוֶועגְן, דִיר צוּ הִיטְן אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן, דֶער פָּסוּק הָאבְּן שׁוֹין דִי חַבְרַיָּא עֶרְקְלֶערְט, אַז אִינְדֶערְצַייט וָואס דֶער מֶענְטְשׁ קוּמְט אוֹיף דֶער וֶועלְט, וֶוערְט שׁוֹין גְלַייךְ אָנְגֶעגְרֵייט דֶער יֵצֶר הָרַע צוּ גֵיין מִיט אִים, און עֶר אִיז אִיהם מְקַטְרֵג, און עֶר קְרִיגְט זִיךְ מִיטְן מֶענְטְשׁ און ווִיל אִים שְׁטֶענְדִיג מַאכְן זִינְדִיגְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "לַפֶּתַח חַטָּאת רֹבֵץ", צוּם טִיר פוּן קֶבֶר לִיגְט דֶער זִינְד אָפְּגֶעהִיטְן, דָאס מֵיינְט, אַז גְלַייךְ בַּיים אַרוֹיסְגֵיין פוּנֶעם רֶחֶם פוּן דִי מַאמֶע גֶעוֶועלְטִיגְט דֶער יֵצֶר הָרַע אוֹיף אִים, און דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ פְרֶעגְט, וָואס מֵיינְט "חַטָּאת רֹבֵץ", דָאס הֵייסְט, וֶוער אִיז דֶער וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "חַטָּאת", עֶנְטְפֶערְט דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, דָאס אִיז דֶער יֵצֶר הָרַע, וָואס עֶר וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן חַטָּאת ווִיבַּאלְד עֶר ווִיל אִים שְׁטֶענְדִיג מַאכְן זִינְדִיגְן, און אוֹיךְ דָוִד הָאט גֶערוּפְן דֶעם יֵצֶר הָרַע חַטָּאת, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "וְחַטָּאתִי", און מַיין זִינְד, אָבֶער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעזָאגְט "וְחַטאוֹתַי", און מַיינֶע זִינְד, בִּלְשׁוֹן רַבִּים, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט וַוייטֶער "כִּי פְשָׁעַי", וַוייל מַיינֶע זִינְד, זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז עֶס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְן יֵצֶר הָרַע, און "וְחַטָּאתִי" מֵיינְט, דֶער וָואס מַאכְט מִיר זִינְדִיגְן, "נֶגְדִּי תָמִיד", אִיז שְׁטֶענְדִיג אַנְטְקֶעגְן מִיר, דָאס מֵיינְט, עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג אַנְטְקֶעגְן מִיר צוּ מִלְחָמָה הַאלְטְן קֶעגְן מִיר און מִיר מַאכְן זִינְדִיגְן, וַוייל עֶר אִיז דֶער וָואס בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ יֶעדְן טָאג צוּ זִינְדִיגְן פַאר זַיין בַּאשֶׁעפֶער, און דֶער יֵצֶר הָרַע גֵייט נִישְׁט אַוֶועק פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, פוּנֶעם טָאג וָואס עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, בִּיז אֵייבִּיג, וַוייל אֲפִילוּ אוֹיפְן עֶלְטֶער, בַּיים עֶנְדֶע פוּן זַיינֶע טֶעג, אֲפִילוּ אִינְדֶערְצַייט פוּן שְׁטַארְבְּן, פְּרָאבִּירְט עֶר אַוֶועקְצוּפִירְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

וְיֵצֶר הַטּוֹב אָתֵי לְבַר נָשׁ מִיּוֹמָא דְאָתֵי לְאִתְדַּכָּאָה והיצר טוב בא אל האדם מיום שבא להטהר בתשובה, וְאֵימָתַי אָתֵי בַּר נָשׁ לְאִתְדַּכָּאָה ומתי בא האדם להטהר, כַּד אִיהוּ בַּר תְּלֵיסַר שְׁנִין כשנעשה בן י״ג שנים שאז נכנס האדם לחיוב המצות, ואז זוכה האדם לנשמה המקרבת את האדם אל התשובה ומעוררת בו רוח טהרה שיבוא ליטהר, כְּדֵין אִזְדַּוּוּג בַּר נָשׁ בְּתַרְווַיְיהוּ חַד מִימִינָא וְחַד מִשְּׂמָאלָא אז מתחבר האדם עם שניהם אחד מימינו ואחד משמאלו, ומפרש יֵצֶר טוֹב לִימִינָא וְיֵצֶר רַע לִשְׂמָאלָא היצר טוב מימינו ויצר הרע משמאלו, וְאִלֵּין אִינּוּן תְּרֵין מַלְאָכִין מַמָּשׁ מְמַנָּן ואלו הם ב׳ מלאכים ממש הממונים לשמור את האדם מכל דבר המזיק, וְאִינּוּן מִשְׁתַּכְּחִין תָּדִיר בַּהֲדֵיהּ דְּבַר נָשׁ והם נמצאים תמיד עם האדם, אָתֵי בַר נָשׁ לְאִתְדַּכָּאָה הַהוּא יֵצֶר הָרָע אִתְכַּפְיָא קַמֵּיהּ אם בא האדם להטהר בתשובה אז היצר הרע נכנע לפני היצר טוב, וְשָׁלֵיט יְמִינָא עַל שְׂמָאלָא ושולט יצר הטוב שבימין על יצר הרע שבשמאל, וְתַרְוַויְיהוּ מִזְדַּוְּוגִין לְנַטְרָא לֵיהּ לְבַר נָשׁ בְּכָל אָרְחוֹי דְּהוּא עָבִיד ושניהם מתחברים בהסכמה אחת לשמור את האדם בכל דרכיו שהוא הולך, הָדָא הוּא דִכְתִיב כִּי מַלְאָכָיו יְצַוֶּה לָּךְ לִשְׁמָרְךָ בְּכָל דְּרָכֶיךָ מלאכיו משמע ב׳ מלאכים והם יצר הטוב ויצר הרע, כי כשמגביר האדם את הטוב על הרע, אז הרע בעל כרחו עונה אמן. (דף קסה ע״ב, ובביאורינו כרך ג עמ׳ תצו-תצז)

## צריך להודות ולשבח להקב״ה על כל החסדים

מַה כְּתִיב וְנָקוּמָה וְנַעֲלֶה בֵּית אֵל ששם שרתה השכינה, וְאֶעֱשֶׂה שָּׁם מִזְבֵּחַ לָאֵ״ל הָעוֹנֶה אוֹתִי בְּיוֹם צָרָתִי, וַיְהִי עִמָּדִי בַּדֶּרֶךְ אֲשֶׁר הָלָכְתִּי ר״ל הנני עולה בית אל לבנות שם מזבח לה׳ על שהציל אותי מכף כל אויב, לכן אין ראוי שימצא ברשותי שמץ עבודה זרה כי היא מאוסה לגבוה, לכן מִיָּד כתיב אח״כ וַיִּתְּנוּ אֶל יַעֲקֹב את כל אלהי הנכר אשר

## אידיש

און דער יֵצֶר טוֹב קוּמְט צוּם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם טָאג וָואס עֶר קוּמְט זִיךְ מְטַהֵר זַיין מִיט תְּשׁוּבָה, און וֶוען קוּמְט דֶער מֶענְטְשׁ זִיךְ צוּ מְטַהֵר זַיין, וֶוען עֶר וֶוערְט דְרַייצְן יָאר אַלְט, וָואס דֶעמָאלְטְס גֵייט דֶער מֶענְטְשׁ אַרַיין צוּם חִיּוּב פוּן דִי מִצְוֹת, און דֶעמָאלְטְס אִיז דֶער מֶענְטְשׁ זוֹכֶה צוּ אַ נְשָׁמָה וָואס דֶערְנֶענְטֶערְט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ דִי תְּשׁוּבָה און עֶס טוּט עֶרְוֶועקְן אִין אִים אַ רוּחַ טָהֳרָה אַז עֶר זָאל קוּמֶען זִיךְ רֵיינִיגְן, און דֶעמָאלְטְס בַּאהֶעפְט זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ מִיט בֵּיידֶע, אֵיינֶער פוּן זַיין רֶעכְטֶע זַייט און אֵיינֶער פוּן זַיין לִינְקֶע זַייט, און דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ עֶרְקְלֶערְט, דֶער יֵצֶר טוֹב אִיז פוּן זַיין רֶעכְטֶע זַייט און דֶער יֵצֶר הָרַע אִיז פוּן זַיין לִינְקֶע זַייט, און זֵיי זֶענֶען צְוֵויי מַלְאָכִים מַמָּשׁ, וָואס זֶענֶען גֶעשְׁטֶעלְט צוּ הִיטְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן יֶעדְן זַאךְ וָואס קֶען שֶׁעדִיגְן, און זֵיי גֶעפִינֶען זִיךְ שְׁטֶענְדִיג מִיטְן מֶענְטְשׁ, און אוֹיבּ קוּמְט דֶער מֶענְטְשׁ זִיךְ רֵיינִיגְן מִיט תְּשׁוּבָה, דֶעמָאלְטְס וֶוערְט דֶער יֵצֶר הָרַע אוּנְטֶערְטֶענִיגְט פַארְן יֵצֶר טוֹב, און דֶער יֵצֶר הַטּוֹב וָואס אִיז אִינֶעם רֶעכְטְן זַייט גֶעוֶועלְטִיגְט אוֹיפְן יֵצֶר הָרַע וָואס אִיז אִינֶעם לִינְקְן זַייט, און זֵיי בֵּיידֶע בַּאהֶעפְטְן זִיךְ מִיט אֵיין הַסְכָּמָה, צוּ הִיטְן דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף אַלֶע זַיינֶע וֶועגְן וָואס עֶר גֵייט, דָאס אִיז וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "כִּי מַלְאָכָיו יְצַוֶּה לָּךְ לִשְׁמָרְךָ בְּכָל דְּרָכֶיךָ", וַוייל זַיינֶע מַלְאָכִים וֶועט עֶר בַּאפֶעלְן פַאר דַיינֶעטְוֶועגְן, דִיר צוּ הִיטְן אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן, "מַלְאָכָיו" אִיז מַשְׁמַע צְוֵויי מַלְאָכִים, דָאס זֶענֶען דֶער יֵצֶר הַטּוֹב און דֶער יֵצֶר הָרַע, וַוייל וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ טוּט שְׁטַארְקְן דָאס גוּטְס אִיבֶּער דָאס שְׁלֶעכְטְס, דֶעמָאלְטְס מוּז דָאס שְׁלֶעכְטְס גֶעצְווּאוּנְגֶענֶערְהֵייט עֶנְטְפֶערְן אָמֵן און צוּשְׁטִימֶען.

### מֶען דַארְף לוֹיבְּן און דַאנְקֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים

עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "וְנָקוּמָה וְנַעֲלֶה בֵּית אֵל", און מִיר וֶועלְן אוֹיפְשְׁטֵיין און מִיר וֶועלְן אַרוֹיפְגֵיין קֵיין בֵּית אֵל, וָואס דָארְט הָאט דִי שְׁכִינָה גֶערוּט, "וְאֶעֱשֶׂה שָּׁם מִזְבֵּחַ לָקֵל הָעֹנֶה אֹתִי בְּיוֹם צָרָתִי וַיְהִי עִמָּדִי בַּדֶּרֶךְ אֲשֶׁר הָלָכְתִּי", און אִיךְ וֶועל דָארְט מַאכְן אַ מִזְבֵּחַ פַאר גָאט וָואס עֶר הָאט מִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט אִינֶעם טָאג פוּן מַיין צָרָה און עֶר אִיז גֶעוֶוען מִיט מִיר אִינֶעם וֶועג וָואס אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען, דָאס מֵיינְט, וְוִיבַּאלְד אִיךְ גֵיי אַרוֹיף קֵיין בֵּית אֵל, צוּ בּוֹיעֶן דָארְט אַ מִזְבֵּחַ פַארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר וָואס עֶר הָאט מִיר גֶערַאטֶעוֶועט פוּנֶעם הַאנְט פוּן יֶעדְן פַיינְט, דֶערִיבֶּער אִיז נִישְׁט פַּאסִיג אַז עֶס זָאל גֶעפִינֶען וֶוערְן אִין מַיין רְשׁוּת קֵיין שׁוּם בְּרֶעקְל עֲבוֹדָה זָרָה, וְוִיבַּאלְד עֶס אִיז פַארְמִיאוּסְ׳ט פַארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן, דֶערִיבֶּער שְׁטֵייט גְלַייךְ נָאכְדֶעם "וַיִּתְּנוּ אֶל יַעֲקֹב אֵת כָּל אֱלֹהֵי הַנֵּכָר אֲשֶׁר בְּיָדָם", און זֵיי הָאבְּן גֶעגֶעבְּן צוּ יַעֲקֹב אַלֶע פְרֶעמְדֶע גֶעטֶער וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט, אֲפִילוּ זֵיי הָאבְּן עֶס שׁוֹין מְבַטֵּל גֶעוֶועןֶ, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאט עֶס יַעֲקֹב בַּאהַאלְטְן און הָאט עֶס בַּאגְרָאבְּן אוּנְטֶערְן

בידם וגו׳ הגם שביטלו אותם עכ״ז הטמינם וקברם תחת האלה, **מִכָּאן דְּבָעֵי בַּר נָשׁ לְשַׁבְּחָא לְקֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּלְאוֹדָאָה לֵיהּ עַל נִסִּין וְעַל טָבָאן דַּעֲבַד עִמֵּיהּ** מכאן אנו למדים שצריך האדם להודות ולשבח להקב״ה על הנסים ועל החסדים שעשה עמו **הֲדָא הוּא דִכְתִיב וַיְהִי עִמָּדִי בַּדֶּרֶךְ אֲשֶׁר הָלָכְתִּי** והצילני מעשו ומלבן ומאנשי שכם.

(דף קעג ע״ב, ובביאורינו כרך ג עמ׳ תקעה)

## יעקב תיקן תפלת ערבית כדי לקשט את השכינה

**תָּא חֲזֵי בְּקַדְמִיתָא כְּתִיב** בא וראה בתחילה כתוב **וְנָקוּמָה וְנַעֲלֶה בֵּית אֵל וְגוֹ׳** בלשון רבים, כי **אַכְלִיל בְּנוֹי בַּהֲדֵיהּ** שכלל בניו יחד עמו כי הם היו מרכבה לשכינה ששרתה בבית אל, **וּלְבָתַר כְּתִיב** ואח״כ כתוב **וְאֶעֱשֶׂה שָּׁם מִזְבֵּחַ** בלשון יחיד **וְלָא כְּתִיב וְנַעֲשֶׂה** בלשון רבים, **דְּאַפִּיק לוֹן מִכְּלָלָא דָא** שהוציא אותם מכלל זה, **מַאי טַעְמָא, בְּגִין דַּעֲלֵיהּ הֲוָה מִלָּה** הטעם משום שעליו לבד היה הדבר, ומפרש כי **יַעֲקֹב אַתְקִין תְּפִלַּת עַרְבִית וַדַּאי** יעקב לבדו תיקן תפלת ערבית ודאי כדי לקשט את השכינה, **וְאִיהוּ עֲבַד מַדְבְּחָא וַעֲלֵיהּ הֲוָה מִלָּה** והוא לבדו עשה מזבח לתיקון השכינה כי עליו היה מוטל הדבר להודות להקב״ה יותר מאשר על בניו, **וּבְגִין דְּאִיהוּ עָבַר כָּל אִינּוּן עָקְתִין מִן יוֹמָא דְעָרַק קַמֵּיהּ דַּאֲחוּהּ** לפי שהוא עבר כל אותם הצרות מן היום שברח מלפני אחיו **דִּכְתִיב וַיְהִי עִמָּדִי בַּדֶּרֶךְ אֲשֶׁר הָלָכְתִּי** והצילני מכל צרה וצוקה, **וְאִינּוּן אָתוּ לְבָתַר לְעָלְמָא** ובניו באו רק אח״כ לעולם, **וְעַל דָּא לָא אָעֵיל לוֹן בַּהֲדֵיהּ** ועל כן לא כלל אותם יחד עמו בעשיית המזבח, שבזה הודה להקב״ה על כל הנסים והטובות שעשה עמו. **רַבִּי אֶלְעָזָר אָמַר, מִכָּאן מַאן דְּיִתְעֲבִיד לֵיהּ נִסָּא אִיהוּ בָּעֵי לְאוֹדָאָה** מכאן אנו למדים שמי שנעשה לו הנס הוא צריך להודות, ומביא לזה משל **מַאן דְּאָכִיל נַהֲמָא בִּפְתוֹרָא אִיהוּ בָּעֵי לְבָרְכָא** מי שאכל לחם על השולחן הוא צריך לברך, **וְלָא אָחֳרָא דְּלָא אָכִיל מִידִי** ולא איש אחר שלא אכל כלום.

(דף קעג ע״ב, ובביאורינו כרך ג עמ׳ תקעט)

## אידיש

אַלָּה בּוים, פוּן דָא זֶעט מֶען אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף לוֹיבְּן אוּן דַאנְקֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי נִסִּים אוּן דִי חֲסָדִים וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן מִיט אִים, דָאס אִיז וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "וַיְהִי עִמָּדִי בַּדֶּרֶךְ אֲשֶׁר הָלָכְתִּי", אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען מִיט מִיר אוֹיפְן וֶועג וָואס אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען, אוּן עֶר הָאט מִיר גֶערַאטֶעוֶועט פוּן עֵשָׂו אוּן פוּן לָבָן אוּן פוּן דִי מֶענְטְשְׁן פוּן שְׁכֶם.

### יַעֲקֹב הָאט מְתַקֵּן גֶעוֶוען דִי תְּפִלָּה פוּן מַעֲרִיב, כְּדֵי צוּ מְקַשֵּׁט זַיין דִי שְׁכִינָה

**קוּם** אוּן זֶע, אִין אָנְהֵייבּ שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "וְנָקוּמָה וְנַעֲלֶה בֵּית אֵל וְגוֹ׳", אוּן מִיר וֶועלְן אוֹיפְשְׁטֵיין אוּן מִיר וֶועלְן אַרוֹיפְגֵיין קֵיין בֵּית אֵל, מִיט אַ לָשׁוֹן רַבִּים, וַוייל עֶר הָאט כּוֹלֵל גֶעוֶוען זַיינֶע קִינְדֶער צוּזַאמֶען מִיט אִים וַוייל זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אַ מֶרְכָּבָה פַאר דִי שְׁכִינָה וָואס זִי הָאט גֶערוּט אִין בֵּית אֵל, אוּן דֶערְנָאךְ שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "וְאֶעֱשֶׂה שָּׁם מִזְבֵּחַ", אוּן אִיךְ וֶועל דָארְט מַאכְן אַ מִזְבֵּחַ, בִּלְשׁוֹן יָחִיד, אוּן עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט מִיט אַ לָשׁוֹן רַבִּים "וְנַעֲשֶׂה", אוּן מִיר וֶועלְן מַאכְן, וַוייל עֶר הָאט זֵיי אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן דֶעם כְּלָל, וָואס אִיז דֶער טַעַם, נָאהְ דֶער טַעַם אִיז וִוייבַּאלְד יַעֲקֹב הָאט זִיכֶער מְתַקֵּן גֶעוֶוען דִי תְּפִלָּה פוּן מַעֲרִיב כְּדֵי צוּ מְקַשֵּׁט זַיין דִי שְׁכִינָה, אוּן עֶר אַלֵיין הָאט גֶעמַאכְט אַ מִזְבֵּחַ צוּ מְתַקֵּן זַיין דִי שְׁכִינָה וִוייבַּאלְד אוֹיף אִים אַלֵיין אִיז גֶעלֶעגְן דֶער זַאךְ צוּ דַאנְקֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, מֶער וִוי אִיבֶּער זַיינֶע קִינְדֶער, וִוייבַּאלְד עֶר אִיז אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען דִי אַלֶע צָרוֹת, פוּנֶעם טָאג וָואס עֶר אִיז אַנְטְלָאפְן פוּן זַיין בְּרוּדֶער, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "וַיְהִי עִמָּדִי בַּדֶּרֶךְ אֲשֶׁר הָלָכְתִּי", אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען מִיט מִיר אִינֶעם וֶועג וָואס אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען, אוּן עֶר הָאט מִיר גֶערַאטֶעוֶועט פוּן יֶעדְן צָרָה אוּן עֶנְגְשַׁאפְט, אוּן זַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען נָאר שְׁפֶּעטֶער גֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט, דֶערִיבֶּער הָאט עֶר זֵיי נִישְׁט אַרַיינְגֶערֶעכְנְט צוּזַאמֶען מִיט אִים בַּיים מַאכְן דֶעם מִזְבֵּחַ, וָואס מִיט דֶעם הָאט עֶר גֶעדַאנְקְט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע נִסִּים אוּן גוּטְס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן מִיט אִים. רַבִּי אֶלְעָזָר הָאט גֶעזָאגְט, פוּן דָא לֶערְנֶען מִיר אַרוֹיס, אַז דֶער וָואס מִיט אִים אִיז דֶער נֵס גֶעטוּן גֶעוָוארְן, עֶר אִיז דֶער וָואס דַארְף דַאנְקֶען, אוּן רַבִּי אֶלְעָזָר בְּרֶענְגְט אַ מָשָׁל דֶערְצוּ, אַז וֶוער עֶס הָאט גֶעגֶעסְן בְּרוֹיט בַּיים טִישׁ, עֶר אִיז דֶער וָואס דַארְף בֶּענְטְשְׁן, אוּן נִישְׁט קֵיין אַנְדֶערֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גָארְנִישְׁט גֶעגֶעסְן.

## הקב"ה מזומן לקבל תפלות ישראל בעת הצורך

על מה שכתוב כי שם נגלו אליו האלהי"ם בלשון רבים **פָּתַח** ר' שמעון **וְאָמַר** שגם במקום אחר נזכר שם אלהי"ם בלשון רבים, כמ"ש **כִּי מִי גּוֹי גָּדוֹל אֲשֶׁר לוֹ אלהי"ם קְרוֹבִים אֵלָיו כַּיהוּ"ה אלהינ"ו בְּכָל קָרְאֵנוּ אֵלָיו** הרי כתוב קרובים בלשון רבים, ומאחר שהביא פסוק זה אמר ר"ש **תָּא חֲזֵי כַּמָּה אִינּוּן חֲבִיבִין יִשְׂרָאֵל קַמֵּי קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא** בא וראה כמה חביבים ישראל לפני הקב"ה, **דְּלֵית לָךְ עַם וְלִישָּׁן בְּכָל עַמִּין דְּעָלְמָא דְּאִית לֵיהּ אֱלָהָא דְּיִשְׁמַע לוֹן** שאין לך שום עם ולשון בכל עמי העולם שיש להם אלוה שישמע אליהם, **כְּמָה דְּקֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא זַמִּין לְקַבְּלָא צְלוֹתְהוֹן וּבָעוּתְהוֹן דְּיִשְׂרָאֵל** כמו שהקב"ה מזומן לקבל תפלתם ובקשתם של ישראל, **בְּכָל שַׁעְתָּא דְּאִצְטְרִיךְ לוֹן לְמִשְׁמַע צְלוֹתָא דְּאִינּוּן בָּעָאן** בכל שעה שצריכים שישמע הקב"ה תפלתם שהם צריכים, **בְּגִין הַהוּא דַּרְגָּא דִּלְהוֹן** בגלל המדרגה שלהם שהיא השכינה המעלה תפלתן של ישראל, וז"ש כה' אלהינ"ו בכל קראנו אליו.

(דף קעג ע"ב, ובביאורינו כרך ג עמ' תקפא)

### אידיש

#### דער אויבערשטער איז גרייט אָנצונעמען די תְּפִלּוֹת פון די אידן אינדערצייט וואס מען דארף

**אויף** דאס וואס עס שטייט אין פסוק "כִּי שָׁם נִגְלוּ אֵלָיו הָאֱלֹקִים", ווייל דארט האט זיך גאט אַנטפּלעקט צו אים, און עס שטייט מיט א לשון רבים, האט רבי שמעון אָנגעהויבן צו דרש'ענען און ער האט געזאגט, אז אויך אין אן אנדער ארט ווערט דערמאנט אֱלֹקִים מיט א לשון רבים, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק "כִּי מִי גוֹי גָּדוֹל אֲשֶׁר לוֹ אֱלֹקִים קְרֹבִים אֵלָיו כַּה' אֱלֹקֵינוּ בְּכָל קָרְאֵנוּ אֵלָיו", ווייל ווער איז נאך דא א גרויס פאלק וואס האט א גאט וואס איז נאנט צו אים, אזוי ווי דער אויבערשטער אונזער גאט וואס איז נאנט צו אונז יעדן מאל וואס מיר רופן צו אים, זעען מיר אז עס שטייט "קְרוֹבִים", נאנט, מיט א לשון רבים, און וויבאלד רבי שמעון האט געברענגט דעם פסוק, האט רבי שמעון געזאגט, קום און זע ווי באליבט זענען די אידן פארן אויבערשטן, ווייל עס איז נישטא קיין שום עם ולשון צווישן אלע פעלקער פון דער וועלט, וואס זאל האבן א גאט וואס זאל זיי צוהערן, אזוי ווי דער אויבערשטער איז גרייט צו אָנגעמען די תְּפִלָּה און געבעט פון די אידן, אין יעדן צייט וואס זיי דארפן אז דער אויבערשטער זאל אויסהערן זייער תְּפִלָּה וואס זיי דארפן, און דאס איז וועגן זייער מַדְרֵגָה, וואס דאס איז די שְׁכִינָה וואס זי איז מַעֲלֶה די תְּפִלּוֹת פון די אידן, און דאס מיינט דער פסוק "כַּה' אֱלֹקֵינוּ בְּכָל קָרְאֵנוּ אֵלָיו", אזוי ווי דער אויבערשטער אונזער גאט וואס איז נאנט צו אונז יעדן מאל וואס מיר רופן צו אים.

### שבח דא שירתא

#### בְּשֵׁם דער ווילנער גאון זיע"א:

**פְּנִימִיּוּת הַתּוֹרָה איז לעבן פאר די פְּנִימִיּוּת הַגּוּף וואס דאס איז דער נֶפֶשׁ, און דער חִיצוֹנִיּוּת הַתּוֹרָה איז לעבן פאר די חִיצוֹנִיּוּת הַגּוּף, און די וואס זענען עוסק אין רֶמֶז וְסוֹד, קען דער יֵצֶר הָרַע זיך נישט אנרייצן אין זיי. און דער עִיקַר הַגְּאֻלָּה איז תָּלוּי אין לִמּוּד הַקַּבָּלָה.**

**(אבן שלמה פרק ח' אות כ"ג; שם פרק י"א אות ג)**


צו באקומען דעם גליון יעדן וואך שיקט א אימעיל צו:
3022233@gmail.com

הַזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ ע"פ "מָתוֹק מִדְּבַשׁ" הפירוש הנפלא שהתקבל בכל תפוצות ישראל



קלענער סעט – מהדורת ר' הערשל וועבער (In 7/5)



גרויסע סעט (In 9.5/6.5)



"ובלכתך בדרך" פארמאט 70 כרכים מהדורת ר' יוסף צבי בערנער (In 6.5/4.5)

פאר דעליווערי רופט: 845.664.5168 www.matokmidvash.com